# מאמר התחזקות

א רייכע אוצר פון הלכה, חיזוק, מעשיות, און שמירת עינים

שנה ט | גליון 146 | שבועות - נשא תשפ"ה לפ"ק




## נושא ז: יעדע נסיון איז אן אויספלאנירטער 'מייסטער פלאן'

### פראגע:

**אין די פריערדיגע שאלות ותשובות האט איר גערעדט צום 'מח' - צו פארשטיין אז באמת איז דער נסיון פון שמירת עינים בלויז א דמיון; און באזונדער האט איר גערעדט צום 'הארץ' - צו וויסן און שפירן דאס חשיבות פון יעדע התגברות.**

**אבער איין נקודה איז מיר געווען זייער שווער צו פארדייען; דאס איז דער ענין וואס מ'האט דערמאנט (נושא ב') אז דער שומר עינים גייט אין גאס און שפירט זיך ווי א מלך, ווייל ער איז נישט משועבד פאר אנדערע, ער איז ממש א מלך אויף זיך אליין.**

**די ווערטער האבן מיך אביסל געשטאכן, ווייל צום באדויערן איז מיר זייער שווער די עבודה פון שמירת עינים, עס פאדערט אסאך אנשטרענגונג זיך צו האלטן שטארק קעגן דעם יצר הרע וועלכער דערקוטשעט אז מ'זאל כאפן א בליק. עס איז בכלל נישט אזוי מלכות'דיג...**

**שוין אפגערעדט אז אויב מ'פאלט אמאל דורך חלילה, האט מען דערנאך דעם 'גילטי פילינג' וואס צערייסט, אפילו איך ווייס אז כ'האב 20 מאל זיך יא געשטארקט, אבער די שולד געפילן לויפן נאך.**

**בקיצור, שמירת עינים איז ביי מיר אן אומבא'טעמ'טע נושא וואס כ'ווער דערפון אנגעצויגן און בלחץ. אויב א מלך שפירט אזוי, וויל איך נישט זיין קיין מלך...**

### ענטפער:

צו ענטפערן אויף דער שאלה וואלט געווען כדאי צו ציטירן א מעסעדזש וואס א איד האט לעצטנס אריינגעשיקט, מיט א גאר הארציגע הערה אויף דער סעריע פון שאלות ותשובות בנוגע שמירת עינים.

דער איד שילדערט ווי פאלגנד:

"איך בין א יונגערמאן וואס גייט אריבער פארשידענע שוועריגקייטן מיט שמירת עינים, אבער איך בין אסאך מתפלל צו השי"ת אז ער זאל מיך העלפן זיין אפגעהיטן. **ס'איז שוין א שטיקל צייט וואס איך מאך אפילו יעדן טאג אן עקסטערע טבילה אין מקוה**, ספעציעל פאר דעם ענין, צו האבן ריינע אויגן.

ס'איז געווען פאראיאר זומער, ווען אין א געוויסע יומא דפגרא האב איך זיך מורא'דיג שטארק אויסגעוויינט פאר'ן אויבערשטן אויף די נסיונות פון שמירת עינים. כ'האב זייער הייס מתפלל געווען ברחמים ותחנונים און מיט דמעות שליש אז כ'זאל שוין ניצול ווערן פון דעם יצר הרע.

### זכות הדפסת הגליון

נתנדב לע"נ הרב הגאון
רבי פנחס חיים ב"ר נפתלי הלוי רובינפעלד ז"ל

זכותו הגדולה וזכות של רבבות בני ישראל המתחזקים מידי יום ביומו בקדושה וטהרה תעמוד לימין הנדבן החשוב להתברך משמי מעל בכל מילי דמיטב אמן

### זכות הפצת הגליון

נתנדב ע"י
הרה"ח ר אברהם מאיר איצקאוויטש הי"ו
לע"נ אביו הרה"ח ר כנציון ב"ר יעקב ע"ה - יארצייט ד סיון

זכותו הגדולה וזכות של רבבות בני ישראל המתחזקים מידי יום ביומו בקדושה וטהרה תעמוד לימין הנדבן החשוב להתברך משמי מעל בכל מילי דמיטב אמן



### תוספות תבלין

הערות והוספות איבער די נושא פון "תורה מגנא ומצלא"

עמוד 6

# קלארקייט
## אין שמירת עינים

צו מיין באדויערן, איז ממש גלייך נאכדעם מיר נאכאמאל אונטערגעקומען א ביטערער נסיון. כ'האב געשפירט אזוי געמיין און אז איך בין פון די מענטשן וואס חכמינו ז"ל רופן אן 'הזן את עיניו' רח"ל, ווייל כ'קען זיך נישט מתגבר זיין. און בעיקר האב איך געפילט אפגעפראסקעט; אז נאכ'ן דאווענען זאל איך שוין ווייטער באקומען אזא שטארקן פליק.

אבער א קורצע צייט שפעטער ווען כ'האב זיך באגעגנט מיט די תוכנ'פולע שאלות ותשובות, מיט אזא קלארקייט בנוגע אלעס ארום שמירת עינים, האב איך געהאט די הרגשה אז דאס איז צו פארדאנקן מיינע תפלות!

## באגרייפן די געוואלדיגע ווערד

דער יונגערמאן זעצט פאר זיין מעסעדזש:

כ'וועל אייך זאגן דעם אמת, ווען איר האט דערמאנט אז די גאנצע זאך איז נאר א דמיון פון דעם יצר הרע, האב איך דאס בכלל נישט פארשטאנען. **ביי מיר איז דאס ליידער גארנישט קיין דמיון...** ס'ציט און ס'ברענט נעבעך.

ווייטער ווען איר האט דערמאנט אז דורך שמירת עינים איז מען א מלך, האב איך אויך נישט פארשטאנען וויאזוי מ'איז זיך מחזק דערמיט. **דאס הייסט דען א מלך?!** איך האב איבערגעליינט עטליכע מאל די תשובות און ס'האט מיך נישט געברענגט קיין באפרידיגונג.

אבער ווען איר זענט אנגעקומען צו 'נושא ו' - דאס חשיבות פון יעדע התגברות', וואו ס'איז אזוי הערליך ארויסגעברענגט געווארן אז אויב וויל מען וויסן די ווערד פון א זאך דארף מען קוקן אויף דעם 'פרייז טעג' דערפון. מ'דארף זיך פשוט מתבונן זיין אז **דער הייליגער אמורא ר' מתיא בן חרש איז געווען גרייט צו צאלן אזא טייערן פרייז**, צו פארברענען זיינע אויגן **אויף שטענדיג**, אבי נישט צו געבן איין קוק, ווייל די ווערד פון שמירת עינים איז אזוי ריזיג! אט דאס האט מיר מורא'דיג שטארק דורכגענומען. פלוצים האט עס 'געקליקט'...

איבערהויפט האב איך אנגעהויבן כאפן, אז פונקט אזוי ווי יעדע ראי' אסורה מאכט קאליע דעם מענטש און ס'איז אים גורם נאך ראיות חלילה, דאס זעלבע איז פארקערט, **ווען מ'האלט זיך איין אפילו מיט איין ראי', מאכט עס די נשמה שטארקער,** און דאס קומענדיגע מאל וועט עס זיין גרינגער זיך מתגבר צו זיין.

## אנגעהויבן שפירן ווי א מלך

די הבנה האט ב"ה געעפענט מיין הארץ, צו שפירן **ווי חשוב און הייליג ס'איז יעדע ברעקל פון שמירת עינים** און דאס האט מיך געגעבן א געוואלדיגע התחזקות. גלייך נאכדעם איז מיר ווייטער אונטערגעקומען א שוועריגקייט אין שמירת עינים און כ'האב זיך געקענט מתגבר זיין, ממש א מחי'.

הערשט דעמאלט האב איך אנגעהויבן כאפן למפרע אויך די ערשטע נקודות, **אה, דאס איז דאך טאקע א בלויזער דמיון, און מ'איז דאך טאקע א מלך מיט שמירת עינים...** אצינד האט זיך אלעס אויסגעקלארט, און אלע פריערדיגע תשובות זענען אויך געפאלן אין פלאץ. **כ'האב ב"ה באקומען א נייע לעבן.** שמירת עינים איז געווארן א געשמאק!

ביז אהער איז די התרגשות'דיגע ווערטער פון דעם איד.

## מ'ווערט קיינמאל נישט פארטיג

מ'דארף נאר צולייגן פאר דעם טייערן יונגערמאן אז אצינד פארט זיך עס טאקע געשמאק, **אבער דאס גייט נישט בלייבן אויף אייביג.** ווייל ס'איז דא נאך איינער וואס ארבעט דא... דער יצר הרע פארלייגט כוחות; **די נסיון פלאקערט ווייטער אויף אלע זייטן**, און ס'איז קיינמאל נישטא אזא באגריף אז מ'ווערט פארטיג מיט דער מלחמה, איינמאל פאר אלעמאל.

אויב היינט איז די התגברות גרינגער, **מיינט עס גארנישט פאר מארגן.** אויב האסטו ב"ה געטראפן א שליסל צו קענען אריינגיין אין א נייע וועג פון לעבן און ס'האט געארבעט אויף א תקופה, דארפסטו דאס נאכאנאנד חזר'ן און זיך כסדר איבערפרישן דערמיט, ווייל **דא איז דא נאך איינער וואס ארבעט שווער.** שמירת עינים איז נישט קיין זאך וואס געשעט פון זיך אליין, און **מ'קען נישט פטור ווערן פון דער מלחמה**, אפילו אויב מ'האט שוין דערהערט די נקודה איינמאל.

## די סאמע-גרעסטע מצוה

און דער אמת איז אז מיר ווילן ניטאמאל פטור ווערן פון דער מלחמה! די עבודה פון שמירת עינים איז נישט קיין בדיעבד'יגע פראבלעם, און ס'איז נישט פשט אז דער מענטש זאגט: 'איך וויל לעבן נארמאל, און ס'קומט מיר אונטער אזעלכע סארט נסיונות, באשעפער, האלא, נעם עס אוועק פון דא'... נאר אייגנטליך **זענען מיר דא אויף דער וועלט צו באקומען אט די געוואלדיגע טייערקייט און פארדינסטן,** וואס ווערן נשפע פון יעדעס ברעקל שמירת עינים!

ס'איז דא א מורא'דיגער לשון וואס **רש"י** זאגט אין מסכת קידושין (לט ב): **מי שבא עבירה לידו, וכפה יצרו ולא עבר, אין מצוה יתירה מזו.**

מ'זעט צומאל אדווערטייזמענטס אז מ'קען מקיים זיין מצוות שילוח הקן. קענסט רופן איינעם וואס פאר עטליכע הונדערט דאלער וועט ער דיך פארשאפן אן עכטע 'קן ציפור' וואס איז אויסגעהאלטן לויט אלע שיטות. אזוי איז דא נאך אסאך געלעגנהייטן ווען אידישע קינדער לאזן זיך קאסטן טייער געלט כדי צו מקיים זיין חשוב'ע מצוות.

זאגט אונז רש"י הק': נעם סיי וועלכע מצוה אויף דער וועלט, און זאלסט וויסן אז אויב ס'קומט אונטער פאר'ן מענטש אן עבירה און ער היט זיך אפ דערפון, דעמאלט **איז נישטא קיין שום מצווה וואס איז מער ווערד פון דעם!** וועלכע מצוה ס'איז נאר דא, איז נאך אלץ שמירת עינים אסאך גרעסער, **אין מצוה יתירה מזו!**

## א ריינע מצוה - בלתי לה' לבדו

אויסערדעם האט די מצוה פון שמירת עינים א ספעציעלע אייגנשאפט, ווי מ'האט שוין דערמאנט, אז דאס איז א זאך וואס קיינער אויף דער וועלט ווייסט נישט דערפון. **ס'איז ריין לשם שמים, קיינער חלומ'ט נישט וואס פארא עבודה דו האסט יעצט געטון פאר'ן רבוש"ע אליין!** דאס איז א שליחות וואס דער איד טוט פאר'ן אויבערשטן בכבודו ובעצמו, מיט אזא ריינקייט אן קיין שום כבוד אדער פניות.


זעלטענע געלעגנהייט פאר'ן זומער:

**מיר זוכן געלונגענע יונגעלייט ארומצוגיין פאר נדבות אין בתי מדרשים במשך דעם "חדשי העינים" קאמפיין**

גוט באצאלט | אויך א מעגליכקייט צו ממשיך זיין א גאנץ יאר

טהור עינים

תנה בני לבך לי ועיניך

845.999.4114 עקס. 1-9


## יעדע בליק ווערט געוויזן אויפ'ן גיגאנטישן סקרין

היינט איז דאך א וועלט פון פארגעשריטענע טעכנאלאגיע, דעריבער קענען מיר זיך אביסל מצייר זיין אויף אונזער שטאפל,

וויאזוי מ'קוקט אין הימל אויף די שמירת עינים פון א איד אויף דער וועלט.

לאמיר זיך פארשטעלן א דמיון - וואס איז נישט אזוי ווייט פון רעאליטעט - אז יעדער מענטש וואס האט 'לענסעס' אין זיינע אויגן, קען מען דערויף ארויפלייגן א דינע פיצעלע שטיקל פלאסטיק, וואס איז למעשה א קליינע 'טשיפ', ממש דין ווי א האר, און די טשיפ איז פארבינדן צו א קאמפיוטער מיט א ריזיגער סקרין, צען ביי צוואנציג פיס גרויס, וואס **טויזנטער מענטשן שטייען און קוקן דערויף**. זיי זעען קלאר און האלטן פונקטליך מיט וואו דיין אויג פארט יעדע סעקונדע...

## דער יצר הרע'ס קאמענד סענטער...

אבער די אלע טויזנטער מענטשן, וועלכע קוקן אויף דעם סקרין, זעען דארט אויך נאך א זאך: זיי האלטן מיט וויאזוי עס זיצט א גאנצע אפיס וואו מ'פלאנירט אויס וויאזוי צו אריינשלעפן דיין אויג. ווי **חז"ל** זאגן (קידושין ל, ב) : יצרו של אדם **מתגבר עליו** בכל יום, יצרו של אדם **מתחדש עליו** בכל יום.

דאס הייסט אז דער יצר הרע פירט אן מיט א ריזיגער פאבריק פון **ביליאנען ארבעטער וועלכע זיצן און פלאנען אויס אגאנצע חשבון** וויאזוי דיך אריינצולייגן אין א נסיון...

דו מיינסט טאקע אז ווען דו ביזט ערגעץ געגאנגען, האט זיך 'פונקט' געעפנט א זייטיגע טיר און ס'איז 'פונקט' אונטערגעקומען א ראי' אסורה, 'פונקט' ווען דו ביזט אנגעקומען... דאס איז נישט געשען צופעליג! **דאס איז געווארן אויסגעארבעט מיט א 'מעסטער בלו-פרינט'.** ס'זענען געזיצן א גאנצע חברה און אויספלאנירט אן אונטערוועלטישע אקציע...

## א פולקאם אויסגערעכנטע פלאן

מיר זענען צוגעוואוינט צו הערן 'השגחה פרטיות מעשיות' וויאזוי ס'איז פונקט געשען פארשידענע זאכן. ס'איז טאקע אמת אז פון הימל ווערט אלעס אויסגערעכנט פונקטליך, אבער דער יצר הרע האט אויך באקומען א כח צו אונטערשטעלן אזעלכע סארט 'השגחה פרטיות מעשיות', צו אריינכאפן דעם איד אין א מכשול חלילה.

מ'האט דא אויסגעפלאנט יעדע מינוט פון דער סצענע: צוערשט וועט א 'מאקאש' דורכלויפן די גאס; פונקט גייט דארט אריבערפארן א נייע קאר; דער דרייווער וויל דאך נישט אז זיין קאר זאל שמוציג ווערן, דעריבער ווען ער זעט די מאקאש לויפט אריבער וועט ער זיך געבן א האסטיגע שטעל אפ מיט א קוויטש... דער ערליכער יונגערמאן וועט דעמאלט שפאצירן אויף דער גאס, און הערנדיג דעם קוויטש וועט ער זיך אינסטינקטיוו אויסדרייען, ווען פונקט וועט זיין אויף דער אנדערער זייט גאס א ראי' אסורה... ער וועט געבן א בליק בטעות, אבער דערנאך וועט ער חלילה געבן נאך א בליק, ווייל ס'וועט אים מבלבל זיין די מחשבות אויב ער האט טאקע יא געקוקט אדער נישט געקוקט...

לאמיר זיך מצייר זיין אז **אט די גאנצע סצענע זעט מען קלאר אויפ'ן גרויסן סקרין.** און טייערע אידן, לאמיר זיך נישט נארן, ס'איז טאקע אזוי! אלעס וואס מיר קוקן ווערט פאראייביגט אויף א סקרין!

## דער רבוש"ע זעט יעדע דורכפאל און יעדע התגברות

מ'קען זאגן די ווערטער 'אלעס איז אויף א סקרין' מיט אן אופן פון סטראשען, 'אוי גייסטו כאפן'... און **דאס איז אייגנטליך הונדערט פראצענט ריכטיג.** ווען א מענטש וועט ארויפקומען אויבן אויף יענער וועלט, וועט מען אים אנצינדן אלעס.

אבער גלייכצייטיג דארף מען אויך זאגן די זעלבע ווערטער, כדי ארויסצוברענגען דאס חשיבות און דאס גדלות פון א איד, וויאזוי **אין הימל זעט מען יעדעס מאל וואס מ'האט זיך אנגעשטרענגט**, יעדעס מאל וואס דער יצר הרע האט אריינגעלייגט אזויפיל טאקטיקן און כוחות, און דער איד איז בייגעשטאנען דעם נסיון!

## גארנישט ווערט קיינמאל נישט דיליטעט

אמאל איז געזיצן ביי אונז אין דער ישיבה אפיס, איינער פון די שעריף טעכנאלאגיע דעפארטמענט, וועלכער איז אראפגעקומען צוליב א 'העקינג' אין דעם קאמפיוטער סיסטעם.

אזוי זיצנדיג דארט האט דער שעריף געזאגט **יעדע איינציגע זאך וואס איז נאר פארהאן אין די דיגיטאלע וועלט היינטיגע צייטן, קען נישט ווערן דיליטעט!** נישטא קיין שום זאך אין די וועלט פון טעכנאלאגיע - זאל דאס זיין אן אימעיל, זאל דאס זיין א טעקסט מעסעדזש, צי אפילו א פאון קאל - וואס בלייבט נישט אויפ'ן רעקארד. אלעס גייט היינט דורך א סיסטעם און **ערגעץ וואו ליגט עס אוועקגעלייגט אויף שטענדיג.** מ'קען אלעס צוריקברענגען.

כ'בין אמאל געווען אין וויליאמסבורג ביי א גרעסערע צוזאמקום וועגן טעכנאלאגישע נסיונות, האט זיך דארט אויפגעשטעלט א באלעבאטישער איד, וועלכער האט דערציילט ברבים, אז די סיבה פארוואס ער האט זיך געמאכט שטארקע גדרים וסייגים, איז **טאקע ווייבאלד ער איז אין די ביזנעס פון 'איי. טי'.**

פארוואס טאקע? האט דער איד ערקלערט אזוי: "איך ווייס זייער גוט וויאזוי טעכנאלאגיע ארבעט, אז **ס'איז נישטא אזא זאך ווי 'דיליטעט' אויף אייביג'.** מענטשן ברענגען מיך צומאל אריין אלטע צעבראכענע קאמפיוטערס, וואס זענען געווען איינגעטינקן אין וואסער און ס'איז שוין לאנג טויט, אבער איך, אלס ספעציאליסט, קען צוריקברענגען דארט אלטע פיילס. ווייל יעדע ריר וואס דער מענטש געבט אויף א דעוויס, בלייבט ערגעץ וואו אוועקגעלייגט".

## אלע רעקארדס גייט ווערן אפן פאר'ן פובליקום...

זאגט דער איד ווייטער: פארשטייט זיך אליין, אז מיינע מעגליכקייטן זענען גארנישט קעגן וואס די מיליטערישע שפיאנאזש קען טרעפן. זיי קענען אויפגראבן אפילו זאכן פון 15 יאר צוריק. אויב איז עס אמאל דורכגעגאנגען די דיגיטאלע וועלט, קען מען עס זיכער טרעפן.

אויב אזוי, איז עס בלויז א שאלה פון צייט ביז אלעס וועט זיין פובליק אינפארמאציע... די פאקט איז דאך **אז די זאכן וואס די שעריפס האבן געקענט טון פאר 10 יאר צוריק, קען איך היינט אויך טון.** דאס באדייט אז עטליכע יאר ארום גייט יעדער קענען האבן צוטריט צו אלעס. לויט ווי די אמעריקאנער געזעצן פארן היינט, וועט עס זיין הונדערט פראצענט לעגאל אז נאך א געוויסע סכום פון יארן איז נישטא מער קיין 'פריוועסי'...

## די איינקלעך זאלן געבן א נאמען נאך אים...

האט דער איד צוגעענדיגט: איך האב זיך געמאכט א פשוט'ן חשבון, אז אין איין טאג גייען מיינע אייניקלעך זיצן אויף זיידי'ס אקאונט, און **קיינער גייט נישט געבן קיין נאמען נאך מיר...** מיין זון וועט וועלן פארקויפן פאר זיינע קינדער אז 'מיין טאטע איז געווען אזא וואוילער איד', אבער זיינע קינדער וועלן אים זאגן: **טאטי, כ'האב געזען זיין אימעיל אקאונט...** איך ווייס פונקטליך וואס זיידי איז געווען...

און דער איד פירט אויס: דאס האט מיך געמאכט טראכטן, איין מינוט, איך דארף זיך אנהויבן אויפפירן ווי ס'דארף צו זיין!

## אויף דער וועלט קען מען נאך יא אויסמעקן אלעס

דער אמת איז אז אויף יענער וועלט איז טאקע נישטא אזא באגריף ווי 'דיליטן', מ'קען גארנישט אויסמעקן,

>>> המשך אויף זייט 8

דבר המערכת:

# ווען די מעשה איז נישט אינטערעסאנט...

צו הרה"ק ר' הערשעלע ספינקער זי"ע איז אמאל אריינגעקומען א איד, וועלכער האט זיך נארוואס צוריקגעקערט פון א נסיעה קיין מירון ביי רבי שמעון, און דער איד האט אנגעהויבן פארציילן מיט התרגשות זיין געשיכטע, ווי פאלגנד:

בעפאר די נסיעה האט ער באשטעלט א באקוועמע שטוב אויף שבת אין מירון, וואו צו קענען עסן און שלאפן מיט א רואיגקייט. אבער אנקומענדיג דארט, האט ער געטראפן א צווייטן איד וואס איז צוליב א סיבה געבליבן אן קיין בעט און שבת'דיגע סעודות און יענער האט זיך ארומגעדרייט אינגאנצן פארצווייפלט נישט האבנדיג וואו קיין דאך איבער'ן קאפ אויף שבת. זעענדיג ווי א איד איז אזוי צעבראכן, האט ער אויפ'ן פלאץ מחליט געווען מיט מסירת נפש אז ער גייט אוועקגעבן פאר יענעם זיין אייגענע בעט און שבת'דיגע סעודות!

דער איד פארציילט ווייטער, אז אצינד האט ער זיך זעלבסט געטראפן אן קיין געלעגער וואו אראפצולייגן דעם קאפ, איז ער צוריק ארויפגעגאנגען צו דער מערה פון רבי שמעון, און דארט האט זיך אים געעפנט דאס הארץ ווי קיינמאל בעפאר. ער האט נאכאמאל אויסגעזאגט צוויי מאל תהלים מיט אזא התעוררות און מיט געוואלדיגע בכיות, אזש ער האט זיך געשפירט ממש אויסגעוואשן.

אזוי שילדערט דער איד מיט גרויס געפיל זיין איבערלעבעניש, צולייגענדיג אז ער האט געזען באשיינפערליך וויאזוי אדאנק די גרויסע פעולה פון חסד וואס ער האט דא געטון, האט ער באקומען א מתנה פון הימל, צו קענען זיך אזוי אויסגיסן דאס הארץ מיט א השתפכות הנפש.

דער ספינקער רבי זיצט אזוי, ער הערט אויס די גאנצע מעשה, אבער ער צייגט נישט ארויס קיין שום סימן פון התפעלות... דער איד האט פרובירט ווייטער צו ארויסברענגען זיינע געפילן, ווי שווער ס'איז אים געווען צו מוותר זיין אויף זיין אייגענע בעט, זיין עסן, זיין שטוב, און וואס פארא דערהויבנקייט ער האט געשפירט דערפון. אבער דער רבי ווערט נישט מיטגעשלעפט מיט זיין התלהבות. ביז דער איד האט זיך נישט געקענט איינהאלטן און ער האט זיך געטרויעט צו פרעגן: "דער רבי איז נישט נתפעל פון אזא מסירת נפש'דיגע מעשה?!"

האט אים הרה"ק רבי הערשעלע זי"ע גענטפערט א קורצע אבער הייליגע תשובה: "קומען צום שיעור יעדע נאכט, נאך א גאנצן טאג ארבעט, אפילו מ'שלאפט איין ביים שיעור, איז אסאך א גרעסערע נחת רוח פאר'ן באשעפער ווי דעם!"

◆ ◆ ◆

דער צדיק, וואס איז געווען באקאנט מיט זיין געוואלדיגע חכמה און ישרות, האט אונז מיט די געמאסטענע ווערטער אויסגעלערנט א וויכטיגע יסוד אין אידישקייט: נישט אלעמאל ווען די מעשה איז אינטערעסאנט און שפאנענד, מיינט דאס אז מ'האט אצינד געטון די גרעסטע און שלימות'דיגע עבודה. אדרבה, ווען א איד דינט דעם רבוש"ע דורכאויס זיין פשוט'ע טאג-טעגליכע הלך ילך, מיט די רוטינע נסיונות און געוועגליכע שוועריגקייטן, דאס איז אסאך חשוב'ער אין הימל, און דאס איז די ריכטיגע נחת רוח פאר'ן באשעפער!

דער רבוש"ע פארלאנגט נישט פון אונז צו זיין 'קונצן מאכער'. די עבודת ה' פון א איד איז בכלל נישט געוואנדן אין קיין אויסערארדנטליכע געשיכטעס וואס מ'קען פארציילן ווייטער. השי"ת וויל האבן אונזער געטריישאפט און אונזער הקרבה, דוקא דורכאויס אונזער איינפאכע לעבנס שטייגער, מדי יום ביומו, אויך ווען ס'איז נישט ארומגענומען מיט גלאנץ אדער דראמא.

איבערהויפט איז דאס אקטועל ווען ס'קומט צו דער הייליגער טעמע פון 'שמירת עינים'. צומאל קען זיך דאכטן אז בלויז ווען מ'איז אריבערגעגאנגען עפעס א גרויסע אומגעוועגליכע נסיון, אדער ווען מ'האט מיטגעלעבט א זעלטענע סייעתא דשמיא אין זכות פון זיך אפהיטן, נאר דעמאלט איז דאס אינטערעסאנט און חשוב. דער אמת איז אבער פונקט פארקערט: די שיינקייט פון אידישע קינדער איז טאקע אין די איינפאכע נסיונות החיים, ווען א איד שטארקט זיך מיט פשוט'ע יראת שמים בשעת זיינע געוועגליכע נסיונות אויף דער גאס, ביי דער ארבעט, אדער סיי וואו, אפילו אויב ס'איז נישטא וואס צו דערציילן דערוועגן. דאס איז די גרעסטע קונץ און דאס ברענגט אזויפיל נחת רוח ביים באשעפער.

◆ ◆ ◆

ווען מ'באגעגנט די מעשיות צווישן די בלעטער פון דעם גליון קען דאס פיליכט געבן דעם טעות'דיגן איינדרוק, כאילו אז וויפיל מער ציענד און אינטערעסאנט די מעשה ליינט זיך, אלס מער איז דאס א פאסיגע 'שמירת עינים מעשה'...

ס'איז בלויז פארשטענדליך אז ווען ס'קומט צו פארעפנטליכן א גליון פאר'ן ציבור, וועט מען אודאי זוכן אריינצושטעלן מער אינטערעסאנטע געשיכטעס וואס ערוועקט וואונדער און התפעלות, אבער די אמת'ע אינטערעסאנטע געשעענישן זענען די הייליגע מעשיות וואס שפילן זיך בלויז צווישן די צוויי אויגן פון טויזנטער אידישע קינדער, ווען קיינער זעט נישט און קיינער ווייסט נישט, אן קיין אפלאדיסטן און אן קיין שטוינענדע ענדע. פשוט מ'היט זיך די אויגן, ווייל אזוי האט דער רבוש"ע באפוילן.

◆ ◆ ◆

שטייענדיג אין דעם יום טוב פון זמן מתן תורתינו, איז אין פלאץ צו דערמאנען א הייליג ווארט אויף די באקאנטע קשיא: פארוואס האט השי"ת געדארפט צווינגען אידישע קינדער צו מקבל זיין די תורה, ווי די גמרא זאגט 'כפה עליהם הר כגיגית', לכאורה האבן דאך אידן שוין געזאגט 'נעשה ונשמע', ווען זיי האבן מקבל געווען די תורה מיט'ן גאנצן ווילן פון טיפן הארצן?

נאר, ערקלערן די ספרים הק' (ראה שפתי צדיק שבועות אות סג), אז ווען אידן האבן געזאגט 'נעשה ונשמע' האבן זיי זיך געפינען אין א דערהויבענער מצב פון 'כאיש אחד בלב אחד', ארומגענומען מיט קולות ולפידים. אודאי האבן זיי דעמאלט מקבל געווען די מצוות! השי"ת האט אבער געוואלט אז אויך ווען א איד וועט זיך טרעפן אין א מצב פון טונקלקייט וואס שפילט נישט מיט; אויך ווען די גאסן ווארפן נסיונות, אויך ווען די ארומיגע זענען נישט אזוי אפגעהיטן, אויך ווען ס'איז בכלל נישט קיין אטמאספערע פון קבלת עול מלכות שמים. דערפאר האט אויסגעפעלט צו צווינגען, ווייל דעמאלט איז נישטא דער גוטער געפיל, און  דאס איז די עיקר חשיבות פון א איד!

איבערהויפט אצינד, אריינטרעטנדיג אין די זומער וואכן, ווען מיט יעדע טריט ארויס פון די אייגענע ד' אמות איז מען ארומגענומען מיט אזויפיל נסיונות, ווי שיין און באליבט אין הימל זענען די עכטע העלדישע געשיכטעס פון טייערע אידישע קינדער וואס שטארקן זיך אויף זייער יצר הרע. פון אט די אלע שטילע התגברות'ער, פון אט די אלע מעשיות וואס ענדיגן זיך נישט מיט קיין אפענע מופתים אדער ישועות, פון די אלע שוועריגקייטן וואס מ'גייט דורך און מ'פרובירט צו בלייבן הייליג, דוקא דערפון פארמירט זיך דער פרעכטיגער קרוין פאר'ן מלך מלכי המלכים, וועלכער פריידט זיך און שטאלצירט מיט יעדע פשוט'ע שמירת עינים פון יעדן פשוט'ן איד: ישראל אשר בך אתפאר!

אלו המושלים ביצרם
(ב"ב עה:)

# ויאמרו המושלים

פערזענליכע געשיכטעס וויאזוי אידן פארמעסטן זיך **היינטיגע צייטן** מיט **היינטיגע נסיונות**.



## שמירת עינים אלס השתדלות פאר פרנסה

**א איד פון מאנסי דערציילט:**

איך האב געהערט א שיעור פונעם בארימטן מגיד מישרים הרב שמעון שפיצער שליט"א, ביי וועלכע ער האט נאכדערציילט א מעשה וואס איז געווען געדרוקט אינעם גליון "טהור עינים".

די מעשה איז געווען פון א איד וועלכער האט זיך צוריקגעהאלטן פון א ראיה אסורה און האט דערביי געדאנקט דעם באשעפער אז ער האט זוכה געווען צו עומד זיין בנסיון. נאך יענעם טאג האט אים זיין בעל הבית מיטאמאל אריינגערופן און האט אים פארגעשלאגן א פיל בעסערע פאזיציע אין די פירמע, און א געהאלט וואס איז דריי מאל אזויפיל פון זיין ביז-יעצטיגער געהאלט.

יענעם טאג האב איך געהאט א ביזנעס מיטינג אין מאנהעטן, און איך בין מיטגעפארן מיט א צווייטן וועלכער האט געפירט דעם קאר. געווענליך בין איך נזהר נישט דורכצופארן מאנהעטן, חוץ ווען מען דארף טון א חסד, ווי למשל צו טראגן א איד אין שפיטאל. אבער אצינד האב איך געדארפט אריינפארן אין צענטער פון מאנהעטן אין סאמע מיט'ן פון די זומער חדשים.

אויפ'ן וועג האב איך הייס מתפלל געווען צום בורא כל עולמים אז איך זאל חלילה נישט נכשל ווערן, און איך זאל ארויסקומען גאנץ מיט ריינע אויגן.

ווי נאר מען איז אריינגעפארן אין מאנהעטן האב איך אויסגעטון מיינע ברילן און די גאנצע צייט געהאלטן מיינע אויגן אויף אראפ. מיר זענען אנגעקומען צו די מיטינג און אויך גלייך נאך די מיטינג, אויפ'ן וועג ארויס, האב איך תיכף אויסגעטון מיינע ברילן און זיך אריינגעזעצט אין קאר אויפ'ן וועג ארויס פון דער טמא'נער שטאט.

דאן האב איך אפגעגעבן א שבח והודאה צום אויבערשטן אז איך האב זוכה געווען ניצל צו ווערן פון יעדער ראיה אסורה במשך די גאנצע צייט.

יענע נאכט קומט צו צו מיר א איד אין בית המדרש און ער שלאגט מיר פאר א נייע פרנסה, וואס איז א פיל בעסערע געלעגנהייט צוליב עטליכע סיבות. קודם כל בין איך ביז יעצט געווען אויף א באשטימטע געהאלט, און די נייע דזשאב האט פארגעשלאגן אין צוגאב צו די געהאלט אויך א פראצענט אויף יעדן קאסטומער, און אויסערדעם וועל איך נישט דארפן מער פארן אזא לאנגע וועג צו דער ארבעט און זיצן יעדן טאג אין טרעפיק, ווייל די נייע ארבעט איז נענטער צו מיין געגנט, ווי איך האב, אגב, פונקט זיך אריינגעצויגן א יאר פריער!

די איינציגסטע השתדלות וואס איך קען טראכטן אז איך האב געטון צו באקומען די נייע וואונדערבארע פרנסה, איז געווען אז איך האב מיר יענעם טאג געהיטן די אויגן. איך האב קיינמאל נישט געזאגט פאר דעם איד אז איך זוך א נייע ארבעט. כ'בין אפילו געווען צופרידן אויף מיין דעמאלסדיגע שטעלע, אבער די געלעגנהייט איז געקומען קלאפן צו מיר אויף דער טיר אויף אזא וואונדערליכן אופן.

איך בין תולה די הצלחה אינעם זכות פון שמירת עינים, און אודאי האב איך געדענקט צו דאנקען דער אויבערשטן אויף זיינע געוואלדיגע חסדים וואס ער טוט מיט מיר ברוחניות ובגשמיות.




## דער אגרעסיווער לויער פארלירט זיין מעטאד

**הר"ר מ. ג. הי"ו, פארצייילט:**

הארט איידער דעם 'קאראנא' ווייראס אויסברוך בין איך געווען פארמישט אין אן עקסידענט. דער איד פון דער אנדערער קאר האט געוואלט קלאגן מיין אינשורענס פאר פארשידענע שאדנס וואס ער האט געהאט, און כאטש וואס איך בין נישט געווען שולדיג, און מען האט מיר געזאגט אז מיין אינשורענס קען ארויפגיין, האב איך אבער מסכים געווען אים ארויסצוהעלפן.

אינצווישן האט זיך אנגעריקט דער ווירוס, און צוליב דעם איז דאס געריכט אפגעהאלטן געווארן דורך 'זום'. א חבר האט מיר דאס מסדר געווען מיט א קאמפיוטער ביי אים אין באזיץ. אבער היות איך האב מורא געהאט וואס איך וועל זעהן דארט האב איך גענומען א פאפיר און צוגעדעקט דעם סקרין, אז מ'זאל מיך טאקע קענען זען דורך די קאמערע פון דעם קאמפיוטער, אבער איך זאל נישט קענען זען דעם שופט און דעם לויער פון דער אנדערער זייט.

ווען דער לויער האט אנגעהויבן מיך אויספרעגן, האב איך גלייך באמערקט אז ער נוצט א שטארקע אגרעסיווע צוגאנג, מיט אלע סארט געדרייטע און כיטערע שאלות. ער האט מיר געפרעגט אלע סארט שלא מן הענין'דיגע פראגעס און נאכדעם מיר צוגעשטופט מיט פשט'לעך: "הייסט דו ביסט מודה אז אזוי און אזוי?"... אזוי האט ער געטון נאכאמאל און נאכאמאל, פרובירנדיג צו ארויסצווינגען פון מיר פארשידענע הודאות און משמעות'ער לויט וויאזוי ער האט געוואלט.

ב"ה אז איך האב זיך אבער נישט פארלוירן און נישט מודה געווען אויף די פאבריצירטע פאקטן וואס ער האט פרובירט ארויסצוקוועטשן פון מיר. נאכ'ן פרובירן א שטיק צייט האט ער אויפגעגעבן, זעענדיג אז ער איז נישט מצליח מיך צו מאניפולירן.

שפעטער, נאך דעם געריכט, האב איך געהערט אז דער יעניגער איז טאקע באוואוסט אלס גאר אן אגרעסיווער לויער, מיט א שטארקע הצלחה ראטע. אבער זיין עיקר סוקסעס קומט דורכדעם וואס ער קוקט אריין פאר דעם צד שכנגד אין די אויגן. דארט ליגט זיין כח יענעם צו מאכן צעטומלט און אזוי געווינט ער. אבער ווייבאלד איך האב זיך געהאלטן צו מיינע גדרים אין שמירת עינים, און כ'האב אים בכלל נישט געזען, האט ער נישט געהאט קיין שום מיטל וויאזוי ארויסצושלעפן פון מיר סיי וועלכע הודאה. די צוגעדעקטע סקרין האט מיך - שלא ביודעין - אפגעהיטן פון אסאך עגמת נפש!

# תוספות תבלין

הערות והוספות איבער די נושא פון "תורה מגנא ומצלא"



## קביעת עתים - מ'דארף עסן געהעריג פרישטאג און נאכטמאל

לכבוד די ארויסגעבער פון דעם וואונדערבארן גליון טהור עינים הע"י.

נאכ'ן אדורכליינען עטליכע מאל די הערליכע מאמרים איבער דעם ענין פון 'תורה מגנא ומצלא', האב איך אויפגעפאסט אז ס'איז דא נאך איין נקודה וואס איז נישט דערמאנט געווארן, און לכאורה איז דאס א שטארקער יסוד אהערצושטעלן דעם 'תורה תבלין' אויפ'ן ריכטיגן אופן.

ס'איז אן הלכה פסוקה אין שו"ע (יו"ד סימן רמ"ו ס"א): כל איש מישראל חייב לקבוע לו זמן לתלמוד תורה ביום ובלילה שנאמר והגית בו יומם ולילה. יעדער איד איז מחויב זיך צו באשטימען א צייט צו לערנען בייטאג און ביינאכט.

אין שו"ע או"ח (סימן קנ"ה) שטייט נאכמער: ויקבע לו עת ללמוד וצריך שאותו העת יהיה קבוע שלא יעבירנו אף אם הוא סבור להרויח הרבה - מ'דארף זיך מאכן א באשטימטע צייט צום לערנען יעדן טאג און מ'זאל נישט אוועקגיין פון דער צייט, אפילו אויב מ'רעכנט אז מ'קען דעמאלט פארדינען אסאך געלט.

נאר היות א מענטש איז דאך נישט קיין מלאך, און ס'קען זיך מאכן אונסים אז מ'זאל נישט קענען האלטן דעם שיעור, ברענגט דארט דער משנה ברורה בשם די פוסקים, אז אויב האט מען צוליב א סיבה יא פארפעלט זיין שיעור, זאל עס זיין אזוי־ווי א חוב וואס מ'דארף באצאלן בעפאר מ'גייט שלאפן.

ווען איינער פרעגן וואס האט דאס א שייכות צו דעם ענין אז תורה ראטעוועט פון דעם יצר הרע? דער תירוץ איז זייער פשוט: ווייל איינס פון די הויפט טעמים פארוואס דוקא לערנען תורה איז די תבלין צו באזיגן דעם יצה"ר, איז ווייל די תורה איז די 'מזון הנשמה'!

יעדער פארשטייט, אז ווען א מענטש עסט נישט געהעריג קיין קביעות'דיגע מאלצייטן, נאר ער כאפט א נאש דא און דארט, און יעצט קומט אים איינער אטאקירן, וועט ער נישט האבן די כוחות יענעם צו באזיגן. טראצדעם וואס געווענליך וואלט ער געווען שטארקער פון דעם אטאקירער, אבער וויבאלד ער איז אפגעשוואכט פון נישט עסן, קען ער נישט געווינען.

ממש דאס זעלבע איז ברוחניות: כדי אז די נשמה זאל האבן כח אנצוגיין, דארף עס 'עסן' א פיינעם 'פרישטאג' - דהיינו דער שיעור פון אינדערפרי. און אויך א פיינעם 'נאכטמאל' - דהיינו דער שיעור פון ביינאכט. וואס פאסירט אבער, אז די נשמה האט אויסגעלאזט איין סעודה? וועט עס זיין שוואכער ווי געווענליך. און אויב האט עס אויסגעלאזט עטליכע סעודות? וועט עס זיין גאר שוואך ח"ו, און גאנץ מעגליך אז ער וועט נישט האבן די כוחות צוריקצושטויסן דעם מלאך המשחית.

ווען א מענטש זעט אז ער מוטשעט זיך מיט התגברות היצר, דארף ער זיך אליין פרעגן: צי בין איך טאקע נזהר אין קביעות עתים לתורה אזוי־ווי די הלכה פאדערט?

און אפילו אויב ס'מאכט זיך כסדר סיבות וואס שטערן צו אנהאלטן דעם קביעות עתים, זאל מען זיך נעמען א דוגמא פון 'מזון הגוף'. ווען דען פאר איינעם איינפאלן אז היינט קען איך נישט קיין נאכטמאל ווייל: מיין נאנטער חבר מאכט חתונה, כ'האב א וויכטיגע מיטינג, היינט איז דאך דער גרויסער עצרת לכבוד שמים, די ארבעט אין מיין אפיס איז 'אווערלאודעד', כ'מוז גיין מיט מיין קינד צום דאקטער, מיין ברודער מאכט בר מצוה...

יעדער פארשטייט אז ערגעץ וואו וועט דער מענטש מאכן צייט צו עסן נאכטמאל, ווייל דער מאגן ברומט דאך פון הונגער און ער שפירט זיך הונגעריג און שוואך... דאס זעלבע איז מיט דעם 'מזון הנשמה'. א איד דארף וויסן: 'איך מוז' יעדן טאג לערנען מיין שיעור!

טאמער מיין ברודער מאכט חתונה וועל איך לערנען מיין שיעור פארדעם אדער נאכדעם, אדער וועל איך מיך ארויסכאפן אינמיטן דער חתונה צו לערנען מיט מיין חברותא. טאמער איך האב א וויכטיגן מיטינג, וועל איך עס אזוי אויסשטעלן אז ס'זאל נישט שטערן די צייט פונעם לערנען, און אויב ס'האט זיך למעשה יא געמאכט אן אונס, דעמאלט ווען איך קום אהיים שפעט ביינאכט, האב איך אן עול צו משלים זיין די 'נשמה סאפער'... איך וועל טרינקן א הייסע שווארצע קאווע אדער איינטונקן די פיס אין קאלט וואסער כדי צו קענען צוענדיגן דעם היינטיגן שיעור, כדי די נשמה זאל נישט גיין שלאפן אפגעשוואכט!

ויה"ר אז די תורה זאל אונז טאקע שטארקן און הייליגן.

יואל ב. וויליאמסבורג

## לערנען 'לשמה' איז דוקא די גרעסטע חיזוק פאר התמדת התורה

אין א בריוו אין איינע פון די פריערדיגע גליונות האט א איד אנגעמערקט איבער א חשש, אז אויב לייגט מען א שטארקע דגוש אויף 'תורה לשמה', קען דאס צומאל אפקילן אדער שאטן חלילה פאר התמדת התורה.

לענ"ד איז דעריבער וויכטיג צו אויסקלארן און איבער'חזר'ן דער עיקר יסוד וואס קומט ארויס פון דעם קונטרס 'מגנא ומצלא', וואס אויב האלט מען דאס פאר די אויגן, דעמאלט איז עס אודאי נישט קיין שטער פאר חשק און התמדת הלימוד.

די נקודה פון דעם גאנצן קונטרס איז, אז אודאי איז דא אסאך מדריגות אין 'לשמה', און ס'איז מעגליך אז טאמער איינער וועט ארבעטן אויף די הויכע שטאפלען פון 'לשמה', (נישט צו האבן קיין שום מינדסטע פני' ביים לערנען, אדער צו לערנען בלויז מיט א דביקות וכדומה), קען זיין אז ער האלט נאכנישט ביי אזא מדריגה און ס'קען אים שטערן פון התמדה. אבער ס'איז דא א מדריגה פון 'תורה לשמה' וואס צו דעם קען 'יעדער איינער' צוקומען און עס שטערט בכלל נישט פון התמדת התורה, פונקט פאר'קערט!

די 'לשמה' פון וואס מ'רעדט דא, איז די פשוט'ע כוונה, וואס יעדער איד קען - און דארף - געדענקן בשעת ער לערנט, אז די תורה איז א תבלין און א פאנצער קעגן דעם יצר הרע, 'בין בעדנא דעסיק ביה ובין בעדנא דלא עסיק ביה', און די תורה גייט מיך אפהיטן און העלפן שטארקן קעגן אלע נסיונות! טאמער מ'געדענקט דאס, ברענגט עס נישט קיין פארנאכלעסיגקייט ביים

לערנען. נאר פארקערט, עס גיבט נאך א שטארקערע חשק און געפיל צום לערנען.

דאס איז פונקט אזויווי ווען דער דאקטער האט איינעם פארשריבן א מעדיצין פון דעם פארמאסי כדי אויסצוהיילן א קרענק, האט דער מענטש אודאי נישט קיין שום נסיון צו נעמען די מעדיצין 'שלא לשמה' אדער צוליב אנדערע חשבונות... ער ווייסט זייער קלאר אז ער האט באקומען דעם מעדיצין פאר'ן איינציגן צוועק, ווייל ער דארף זיין געזונט און דאס גייט אים אויסהיילן.

אקוראט די זעלבע זאך איז די הייליגע תורה. דער גרויסער רופא, דער הייליגער באשעפער, האט אונז פארשריבן דעם מעדיצין: דאס זאלסטו נעמען, דאס זאלסטו לערנען, און אז דו וועסט דאס טוט גייסטו ווערן אויסגעהיילט פון דעם יצר הרע, ס'גייט דיך העלפן קעגן די נסיונות!

און לגבי אט די הבנה אין 'לשמה' קומט בכלל נישט אריין די אלע חששות אז ס'קען אפשוואכן התמדת התורה. אדרבה, ווען מ'ווייסט קלאר אז דערפאר האט מען געגעבן די תורה, ווייל ס'איז א וואפן קעגן דעם יצר הרע, גיבט דאס אסאך א שטארקערע תשוקה צו לערנען מער און מער. דאס ס'גיבט צו שטיק חיות ביים לערנען, ווייל מ'ווייסט בשעת מעשה אז: די תורה וואס כ'לערן יעצט איז מיין מעדיצין!

אויסערדעם איז טאקע דא די אלע אנדערע הויכע מדריגות פון 'תורה לשמה', וואס מ'קען דערצו אנקומען צוביסלעך מיט אסאך סייעתא דשמיא. אבער ווי געזאגט בלייבט אלעמאל אקטועל די ערשטע און פשוט'ע נקודה פון 'לשמה', און יעדער איינציגער איד קען לעבן דערמיט, להוסיף חיילים בלימוד התורה בעז"ה.

לְכוּ בָנִים שִׁמְעוּ לִי יִרְאַת ה' אֲלַמֶּדְכֶם:

## הערליכער פראגראם אין ישיבת 'חשק התורה' שליסט אן אלע בחורי חמד דורכצולערנען און זיך פארהערן דעם קונטרס 'מגנא ומצלא'

צווישן די הייליגע וועגט פון דער בארימטער ישיבה קטנה 'חשק התורה' האט זיך אין די פארלאפענע ווינטער חדשים געשפירט א גייסט פון התעלות און התרוממות, ווען ס'איז דורך די חשוב'ע מרביצי תורה שליט"א איינגעשטעלט געווארן א סדר מיוחד, אז די טייערע בחורי חמד זאלן דורכלערנען דעם קונטרס 'מגנא ומצלא', וואס אנטהאלט א זעלטן רייכע ליקוט מפי ספרים וסופרים, מיט זיסע הדרכות והוראות, עצות ותחבולות, אנבאלאנגט די קדושה פון לימוד התורה וואס באשיצט און באגלייט יעדן איד, אין יעדן מצב.

ווען דער נאבעלער פראגראם איז איינגעפעדעמט געווארן בין כותלי הישיבה, האט דער ראש ישיבה הרה"ג ר' יחיאל צבי גאלדבערגער שליט"א ארויסגעברענגט פאר די בחורים, אז ס'איז זייער כדאי און וויכטיג צו אפלערנען די אלע יסודות וענינים וואס ווערן אויסגעשמועסט בטוב טעם ודעת אין די פרקים פון דעם קונטרס, וואס גיט א ריכטיגן בליק פאר א בחור: וואס דאס באדייט לימוד התורה, פאר וועמען לערנט מען, וויאזוי דארף די תורה געלערנט ווערן, און וויאזוי באקומט מען דורך די תורה ריינקייט און דערהויבנקייט.

דער ראש ישיבה שליט"א האט באטאנט אז אזא קונטרס קען באגלייטן א בחור אויף אלע זיינע יארן, צו וויסן וואס דאס מיינט אן ערליכער איד און צו דערהערן באמת, וואס מ'קען אלע זוכה זיין אויב לערנט מען ריכטיג די הייליגע תורה, וואס דאס איז דאך דער גאנצער ציל פון די גאלדענע ימי הבחרות.

ווירקליך איז טאקע באשטימט געווארן צווישן די תלמידי הישיבה א סדר מיוחד מיט איינגעטיילטע שיעורים אין דעם קונטרס, וואס האט אנגעהאלטן מיט א געוואלדיגע הצלחה, ווען די בחורים האבן מיט אן ערנסטקייט דורכגעלערנט דעם קונטרס, און ווי די מגי"ש שליט"א פארציילן האבן פילע בחורים אפילו זיך מפלפל געווען צו בעסער פארשטיין געוויסע נקודות, און אליין צוגעליגט מדילי' פון ספרים הק' וועלכע זענען מאריך איבער די אלע יסודות.

דאס האט נאכגעפאלגט מיט א דערהויבענער שבת 'קימו וקבלו', ווען במשך דעם גאנצן שבת האבן די חשוב'ע מרביצי תורה שליט"א ארומגערעדט איבער די ענינים פון שמירת עינים


קִימוּ וְקִבְּלוּ

שבת קימו וקבלו

בס"ד

מוצש"ק משפטים תשפ"ה
ראלי האטעל, פאלסבורג

**בחינה על קונטרס "מַגְנָא וּמַצְלָא"**

**בעניני שמירת עינים - יו"ל ע"י מפעל "טהור עינים"**

שנלמד בישיבתינו הקדושה במשך ימי השובבי"ם העעל"ט

**שם הבחור** ______________________

**א.** ____ **וואס איז די פארזיכערסטע עצה קעגן דעם יצר הרע און מחשבות זרות?**
1. תפלה 2. לימוד התורה 3. צדקה

**ב.** ____ **וואס שרייבט דער הייליגער מאור עינים איז געווען דער עיקר ציל פון מתן תורה?**
1. צו באקומען שכר 2. צו וויסן וויאזוי זיך צו פירן 3. צו קענען בייקומען דעם יצה"ר

**ג.** ____ **וועלכע זאך טוט דער חפץ חיים צוגלייכן צו דער עצה פון באזיגן דעם יצה"ר דורך לימוד התורה?**
1. מען נעמט צו דעם שונא'ס געווער 2. מעדעצין פאר א חולה 3. א סגולה

**ד.** ____ **וועלכע עצה געבן אונז די ספה"ק צו קענען זיין אפגעהיטן פון יצה"ר בשעת מען גייט אויף דער גאס?**
1. זיך אונטערנעמען א קבלה 2. טראכטן אין לערנען 3. זאגן תהלים

**ה.** ____ **פארוואס זאל א מענטש קודם פרובירן "יעסוק בתורה" איידער "יזכיר לו יום המיתה"? (פנים יפות)**
1. יזכיר לו יום המיתה העלפט נאר אויף די מינוט, אבער לימוד התורה העלפט אפילו אויף נאכדעם
2. יזכיר לו יום המיתה ברענגט עצבות 3. נישט יעדער דערשרעקט זיך פון יום המיתה

**ו.** ____ **וועלכע לימוד איז די מערסטע מסוגל צו העלפן דער מענטש בייקומען דעם יצה"ר?**
1. הלכות שבת 2. ספרי חסידות 3. נישט קיין חילוק, אלעס איז גלייך

**ז.** ____ **וועלכע אופן פון לימוד התורה איז די מערסטע מסוגל צו העלפן דער מענטש בייקומען דעם יצה"ר?**
1. ווי מער בקיאות 2. ווי מער יגיעה, הארעווען און מוטשען 3.ביידע גלייך

**ח.** ____ **וויאזוי העלפט לימוד התורה זיך ראטעווען פון דער יצה"ר "בדרך הטבע"?**
1. עס האלט דער מענטש פארנומען 2. ס'מאכט מען זאל אראפקוקן אויף אנדערע זאכן
3. ס'מאכט א מענטש צופרידן, ער דארף נישט גיין זוכן קיין אנדערע גליקן

**ט.** ____ **וואס קען מאכן אז לימוד התורה זאל נאכמער ארויסהעלפן א מענטש איבערקומען נסיונות?**
1. לערנען רציפות - בלי הפסק 2. לערנען תורה לשמה 3. ביידע פון זיי

**י.** ____ **וואס בעהט מען אין דער נוסח פון של"ה הקדוש צו זאגן פאר מען הייבט אן לערנען?**
1. דאס לערנען זאל אונז ברענגען צו מקיים זיין די תורה
2. מען זאל ווערן געראטעוועט פון שלעכטע מחשבות 3. מען זאל קענען לערנען אומגעשטערט

און קדושת התורה, וואס האט איבערגעלאזט אן אויסטערלישע השפעה דקדושה אויף אלעמען.

במוצאי יום מנוחה איז פארגעקומען דער פארהער בכתב אויף די לימודים אין דעם קונטרס 'מגנא ומצלא', וואס די בחורים האבן געענטפערט מיט א געוואלדיגע ידיעה ובקיאות. ומתן שכרה בצדם, האבן אלע תלמידים ערהאלטן במתנה דעם הערליכן ספר 'תנה בני', מיט גייסטרייכע מעשיות וסיפורים אויף די ענינים פון שמירת עינים.

~ ~ ~

אנדערע ישיבות/ת"ת וואס ווילן מאכן אזא פראגראם, קענען זיך ווענדן צום מערכת, און מיר וועלן בס"ד צושטעלן די קונטריסים און בחינות.





>>> המשך פון זייט 3

אבער **אויף אונזער וועלט איז אודאי 'יא' דא א געוואלדיגע מיטל** צו אויסמעקן אלעס!

מיר האבן ב"ה א מתנה פון תשובה, **וויילאנג א איד לעבט קען ער תשובה טון.** ער קען מקיים זיין 'פלגי מים ירדו עיני על לא שמרו תורתך', און דורכדעם ווערט אלעס דיליטעט און ס'בלייבט נישט קיין זכר!

## א ידיעה וואס גיבט מוט און קוראזש

אלענפאלס, לאמיר געדענקן אז יעדע בליק וואס מיר געבן מיט אונזערע אויגן, ווערט גלייך געזען אויפ'ן גרויסן סקרין, און כביכול דער רבוש"ע בעט זיך ביי א איד: זיי מיך נישט מצער! **דו ווייסט וואס פארא נחת איך שעפ, ווען דו ביזט זיך מתגבר אויף דעם גאנצן פלאן וואס דער יצר הרע האט אויספלאנירט דיך צו מכשיל זיין,** אבער דו האלטסט זיך פעסט?!

סיי ווען עס קומט אונז אונטער א ביכל, אדער א מאגאזין, אדער א דעווייס, און אויך ווען ס'איז 'לייוו' אויף דער גאס. לאמיר האלטן קאפ אז **דאס איז נישט פערצופאל געשען** און ס'איז נישט קיין בדיעבד, **דאס איז א 'מעסטער פלען',** אויסגעשטעלט ספעציעל פאר מיר.

ווען א איד ווייסט דעם כלל, **ברענגט דאס אריין אזויפיל כח זיך צו שטארקן.** און אויך נאכדעם וואס מ'ווייסט שוין דעם כלל, דארף מען דאס כסדר גוט געדענקן און חזר'ן אומאויפהערליך.

אודאי טאר א מענטש נישט זוכן קיין נסיונות, ווייל ווער ווייסט אויב דו האסט די כוחות דערצו. לכתחלה דארף מען אוועקלויפן פון יעדע ספק וואס מ'קען חלילה נכשל ווערן, ווי חז"ל זאגן ס'איז אן איסור זיך אריינצולייגן אין א מצב וואס ס'איז 'איכא דרכא אחרינא', אבער אויב דער אויבערשטער שיקט אונטער א מצב, זאל מען וויסן אז **דאס איז געווען דער פלאן און השי"ת באקומט אזויפיל נחת פון אונזער התגברות,** טאקע אין דעם יעצטיגן סיטואציע.

## לערן זיך פון דעם יצר הרע

איבער דעם ענין, איז דא א הפלא'דיגע שטיקל אין ספר **שבט מוסר**, וואס דערמאנט אז מענטשן שפירן אמאל: **וואס האב איך דערפון אויב כ'גיי איינמאל אפהיטן מיינע אויגן?!** איך האב דאך שוין אזויפיל מאל ליידער יא געקוקט וואס מ'דארף נישט, וואס איז שוין די גרויסע זאך אויב כ'וועל זיך יעצט מתגבר זיין?!

זאגט דער שבט מוסר: די גרעסטע ראי' ווי טייער און ווי חשוב ס'איז דיין שמירת עינים, איז **ווען דו זעסט וויפיל ארבעט דער יצר הרע לייגט אריין, צו אריינשלעפן דיינע אויגן!** פארוואס לוינט זיך פאר'ן יצר הרע צו אינוועסטירן אזויפיל כוחות?! **זעט אויס אז ס'איז יא זייער טייער יעדע ראי'** וואס דו האלסט זיך איין פאר'ן אויבערשטן!

## על הטוב יזכר

### זכות עמוד בגליון

הר"ר **מאיר אלי' גאלדבערגער** הי"ו
לרגל אירוסי בתו למזל טוב

~~~

הר"ר **יחיאל אלטר טויב** הי"ו
לזכות **נפתלי הירצקא** בן **מאמל** ולכל המשפחה

~~~

**לזכות הנדבן** - לברכה והצלחה בכל הענינים

### זכות 3000 גליונות

הר"ר **יואל גאטליעב** שליט"א
לע"נ מרן **הבעל שם טוב הק** רביה"ק מרן **רבי ישראל בן רבי אליעזר** זצללה"ה ולזכות בריות השלימות לו ולכל משפחתו ולשידוכים טובים ויזכו לראות רב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציו אמן

### זכות 2000 גליונות

הרה"צ ר' **יואל זוסמאן מערץ** שליט"א - לע"נ אביו הרה"צ רבי **חיים** בן הרה"צ רבי **יחזקאל שרגא** מערץ זצללה"ה **אבד"ק תולעת יעקב** | הרה"ג ר' **שניאור זלמן שווארץ** שליט"א ראש ישיבת מבוא התלמוד - לרגל אירוסי בתו למז"ט | הרה"ג ר' **שלמה שווארטץ** שליט"א - ראש ישיבת תורת אמת - לרגל אירוסי בנו למז"ט | הר"ר **שמעון חיים וויינבערגער** הי"ו - לרגל אירוסי בתו למז"ט | הרה"ח ר' **בערל שטיין** הי"ו - לע"נ אביו הרה"ח ר' **מאיר** בן ר' **משה** ז"ל | הר"ר **יואל** בראז"ז **שפיטצער** הי"ו - לרגל הולדת בתו למז"ט | הר"ר **מרדכי שבתי ווערצבערגער** הי"ו - לרגל אירוסי בנו למז"ט | הר"ר **חיים מיכל שווארטץ** הי"ו - לרגל הולדת בנו למז"ט | הר"ר **יחזקאל שרגא לאנדא** הי"ו - לרגל אירוסי בנו למז"ט | הר"ר **שמעון ישראל שטיינמעטץ** הי"ו - לרגל אירוסי בנו למז"ט | לע"נ ר' **שמואל** ב"ר **חנני' יו"ט ליפא ראזענפעלד** ע"ה - נתנדב ע"י משפחתו

### זכות מזכה

הר"ר **אברהם מענדל ווערטהיימער**
הי"ו - לרגל אירוסי בתו למז"ט

~~~

הרה"ח ר' **חיים אלי' צוויבל** הי"ו
לרגל אירוסי בתו למז"ט

### זכות 1000 גליונות

הרה"ג ר' **שלמה שבתי קעסטענבוים** שליט"א - לרגל אירוסי בנו למזל טוב | הרה"ג ר' **יודא אלישע הארוויץ** שליט"א רב דביהמ"ד אור החיים - לרגל אירוסי בנו למזל טוב | הרה"ג ר' **דוד אלימלך האלבערשטאם** שליט"א - לרגל הולדת בנו למזל טוב | הר"ר **בערל לאנדא** הי"ו - לרגל אירוסי בתו למזל טוב | הר"ר **אהרן משה פריעד** הי"ו | הר"ר **משה מערץ** הי"ו - לרגל הולדת בנו למזל טוב | הר"ר **יצחק דייטש** הי"ו - לרגל אירוסי בנו למזל טוב | הרה"ח **חיים בצלאל בלום** הי"ו | הר"ר **נחמן דוד שניידמאן** שליט"א - לרגל הולדת בנו למזל טוב | הר"ר **מרדכי ארי' שפיטצער** שליט"א - לרגל הולדת בנו למזל טוב | הר"ר **יואל פייערשטיין** הי"ו - לרגל אירוסי בנו למזל טוב | הרה"ג ר' **משולם איסר ראטענבערג** שליט"א - לרגל הולדת בנו למזל טוב | הר"ר **ברוך שווארץ** הי"ו - לרגל אירוסי בנו למזל טוב | הר"ר **נחמי' שלמה אינדיג** הי"ו - לרגל הולדת בתו למזל טוב | הר"ר **יששכר מיכאל דוב לעפקאוויטש** הי"ו - לרגל אירוסי בנו למזל טוב | הר"ר **שמואל ישעי' שפיטצער** הי"ו - לרגל הולדת בתו למזל טוב | הר"ר **שלמה אונגאר** הי"ו | הר"ר **משה סטרואלאוויטש** הי"ו - לרגל אירוסי בנו למזל טוב | הר"ר **יואל העכט** הי"ו - לרגל אירוסי בתו למזל טוב | הר"ר **דוד מאיר אדלער** הי"ו - לרגל אירוסי בנו למזל טוב | הר"ר **יעקב פרייד** הי"ו - לרגל הולדת בנו למזל טוב | הר"ר **אלי' גאטליעב** הי"ו - לברכה והצלחה בכל הענינים ולע"נ מרת **רבקה** בת ר' **חנוך** ע"ה | הר"ר **אברהם יוסף חיים שווארץ** הי"ו - לרגל הולדת בנו למזל טוב | הר"ר **משה דוד** בר"ה **טייטלער** הי"ו - לרגל הולדת בתו למזל טוב | **לזכות הנדבן** - לרגל הכנסת בנו לעול התורה והמצוות | הר"ר **ישראל שפיטצער** הי"ו - לרגל הולדת בנו למזל טוב | הר"ר **אברהם יושע הערשקאוויטש** הי"ו - לרגל הולדת בתו למזל טוב | הר"ר **יעקב יערמיאש** הי"ו | הר"ר **אברהם פריעדמאן** הי"ו - לרגל הכנסת בנו לעול התורה והמצוות | הר"ר **שלמה** בר"ד **ווייס** הי"ו - לרגל הולדת בתו למזל טוב | **לזכות הנדבן** - לברכה והצלחה בכל הענינים

## מזלא טבא

לכבוד ידידינו היקר
הר"ר **דוד וואלף עקשטיין** הי"ו
העומד לימינינו בכל עת ועונה
לרגל הולדת בנו למז"ט

~~~

לכבוד ידידינו הרבני הנגיד
הרה"ח **יואל פאלקאוויטש** הי"ו
העומד לימינינו בכל עת ועונה
לרגל אירוסי בנו למז"ט

~~~

לכבוד ידידינו הרבני הנגיד
הרה"ח **שלמה ניישטאדט** הי"ו
העומד לימינינו בכל עת ועונה
לרגל הולדת בתו למז"ט

~~~

לכבוד ידידינו היקר
הר"ר **מרדכי** בר"ש **פריעדמאן** הי"ו
העומד לימינינו בכל עת ועונה
לרגל הכנסת בנו לעול התורה והמצוות למז"ט

זכות הגדולה של רבבות בני ישראל
המתחזקים מידי יום ביומו בקדושה וטהרה
תעמוד לימינם שיזכו לראות רב נחת מיוצאי
חלציהם ויתברך בכל מילי דמיטב אמן.

זייט מזכה את הרבים מיט'ן
צושפרייטן די גליונות אין אייער
**קאנטרי**
רופט 845.999.4114 קעס. 1-9
כל המזכה את הרבים אין חטא בא על ידו

טהור עינים
תנה בני לבך לי ועיניך
845.999.4114
נאכן דריקן 1 פאר אידיש
1 נדבה ליין
2 איבערגעבן א מעשה, עצה, געדאנק
3 ארויסצוהעלפן מיט די הפצה
4 אויפסיינען אויף אימעיל
9 מערכת אפטיילונג

7 Beer Sheva #301 Monroe NY 10950
info@tahoreineyim.org

המערכת בלשה"ק 077.401.6591
כתובת המערכת בלשה"ק:
המערכת בענגליש: 732.532.2242
המערכת בספאניש: 054.115.219.8810
לכל עניני הגליון בענגלאנד, נא לפנות אל 07421307356

אויב זענט איר גרייט צו העלפן מיט'ן פארשפרייטן די גליונות אין אייער ביהמ"ד/כולל/ישיבה א.ד.ג., רופט אריין
#1-3 845.999.4114

מזכה
כל המזכה את הרבים אין חטא בא על ידו
$25 לחודש

845.999.4114
זיך צו פארבינדן פערזענליך מיט אונזער עסקן הר"ר שמעון ווייס, רופט 347.921.2577

| | |
|---|---|
| פטרון החודש $12000 | עמוד בגליון $600 |
| הוצאת הגליון $6000 | 2000 גליונות $360 |
| הדפסת הגליון $1800 | 1000 גליונות $180 |

מְזַכֶּה | $25 לחודש
מְזַכֶּה | $50 לחודש
מְזַכֶּה | $100 לחודש